דעם 1טן יאנואר 1981

זייער טייערער ה. ביים שליט"א!

וואס מאכט איר? איך האף אז איר האט גוט פארבראכט אין ארץ
ישראל און אז דאס איצטיקע בריוול טרעפט אייך געזונט און שטארק.
זייט מיר מוחל מיין לאנגן שווייגן, כ'בין געווען אויסער לאנדאן
א לענגערע צייט און ערשט לעצטנס האב איך געפונען אייערע צוויי
פאסטקארטלעך, פון ארץ ישראל און פון האג. א גאר הארציקן דאנק
אייך, איך בין זייער גערירט וואס איר האט פון מיר געטראכט.

דא איז נישטא קיין נייעס, איך ארבעט נאך אויף דער דיסערטאציע,
לערן די קלאסן פון יידיש, שרייב פארשיידענע ארטיקלען וכדומה.
כ'האב לעצטנס פארענדיקט אן איבערבליק-ארטיקל איבער יידישער
דיאלעקטאלאגיע. פארשטייט זיך אז אין דער אפטיילונג איבער
„צפון-מערב יידיש" האב איך אנגעוויזן אז דאס גאנצע פעלד
האט איר איינער אליין אויפגעעפנט פאר דער יידישער שפראך-
פארשונג.

וואס שייך „געשעפטס-ענינים" האב איך ניט קיין נייעס, לעת עתה.
אויב איר קענט מיר צושיקן אייער פאטאגראפיע וועל איך אייך זייער
שטארק באדאנקען (וועל איך קענען ארויסשיקן דעם ארטיקל איבער
אייך), אויך די ערשטע אויפלאגעס פון אייערע ביכער מיט אייער
חתימה. פארשטייט זיך אז פאר אלדינג וועל איך אייך באלד
ארויסשיקן די הוצאות.

צי זיינען פאראן עלעמענטן פון יידיש אין דער האלענדישער
גנבים-שפראך? און אויב יא, צי האט עמעצער וועגן דעם
געשריבן?

מיט אלע בעסטע וואונטשן און פריינדשאפט בלייב איך אייער
איבערגעגעבענער תלמיד

דוד קאץ